

# קרית ברסלב בלאט

שנה ה׳
נומער 207
פרשת יתרו · תשפ״ד

# סעודת הילולא

פון מוהרא״ש זי״ע צוזאמען מיט

# הכנסת ספר תורה,

מוצאי שבת בשלח תשפ״ד

**שפעקולאציעס:**
טו צו די זאך – א גמרא אויפמאך

**בית פיגא ווערק:**
מיין שבת התוועדות

**בילדער ווינקל:**
פון אלעס ארום אין היכל הקודש

# קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע:

אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, שמעון עוזר פערל, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג.

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:

718.387.2691

subscribe@kerenhadfusa.org

לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:

077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו

chizikyomi@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער ארייננצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע

בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161

136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747

breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191

חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169





שפעקולאציעס

טו צו די זאך

3



היכל הקודש נייעס

הערליכע הכנסת תורה לע"נ מוהרא"ש זי"ע

4



גערענקען

צוועלף פראבלעמען

6



מעשיות פון תפילה

מעשיות פון תפילה פון אינגעלייט

10



מיט א טיפערן בליק

מאנטאג פרשת תולדות

14



בית פיגא ווערן

מיין שבת התוועדות

23


## זמנים Liberty

יתרו י"ז שבט תשפ"ד

הדלקת הנרות .......... 04:57

מוצאי שבת ........... 06:29

מנחה מעריב משפטים.... 06:15

## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 02 | 36°/22° | Cloudy | |
| Sat 03 | 31°/20° | Partly Cloudy | |
| Sun 04 | 32°/23° | Partly Cloudy | |
| Mon 05 | 34°/22° | Partly Cloudy | |
| Tue 06 | 34°/22° | Partly Cloudy | |
| Wed 07 | 34°/22° | Partly Cloudy | |
| Thu 08 | 36°/25° | Partly Cloudy | |
| Fri 09 | 40°/30° | Partly Cloudy | |



געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט

די וועטער מבינים ווייסן נישט אל'ץ ריכטיג די וועטער וואס גייט זיין

שיחות הר"ן רכ"א

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה יוסף הכהן פריעדמאן הי"ו**

**וזוגתו שיינדל תחי'**

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

## ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אריינגעצויגן אין שטעטל

**מו"ה ישראל דוד העסקעל הי"ו**

**וזוגתו שרה תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין שטעטל

אברהם משה שטראססער

# שפעקולאציעס

## טו צו די זאך - א גמרא אויפמאך!

רויט פון כעס
פון שווייס נאס.
אינגאנצן בלאס
ווי די וואנט ווייס.

העלאו וואס איז געשען?
וואס גייט פאר?

וואס... האסט טאקע נישט געהערט?

א בר מצוה יונגעלע מיט אזא פלייס
יא..! גענדיגט 'גאנץ' ש"ס!!
און יעצט הער איך גאר נייעס
עס האט מיר געגעבן א 'גוטן' בייס
נישט נאר ער... נאר זיין גאנצע קלאס!

איך בין ממש יוצא מן הדעת
ווי בין איך? צו שפאט און צו שפאס.
איך בין ממש א יונג פון גאס
אויף מיר אליין בין איך פול מיט האס.
אוי! מיין לעבן איך פארפאס.

נו כאפ דיך צו!
ווער לאטיך נישט!

יא אבער איך טו נאר וואס פאסט
איך פארגעס אז איך בין דא נאר א גאסט.
העמ... שובבי"ם איך פאסט.
אבער לערנען תורה איז מיר אזא לאסט.
זאג... קענסט אויפהערן גראמען
קענסט אויפהערן מאכן פון מיר מטעמים.

קענסט אויפהערן שפעקעלירן.
מיינע צרות אזוי שיין אויפשפילן.
ווען די יוגענט טוט מיך אזוי אינספערירן
אזא טעם אין תורה זיי שפירן.
עס גייט מיר ביז די נירן
עס גייט מיר אויף די געהירן
ביי ש"ס האבן זיי אפענע טירן
און ביי מיר אפילו איין בלאט קען איך מיך נישט רירן.
ווי אזוי פונקטליך ווילסטו איך זאל שפירן.

יא יא!
איך קען אויפהערן גראמען...
איך וועל פראבירן...
אבער יעצט צו די זאך
א ברכות גמרא אויפמאך.
צוויי ברירות, עס איז זייער פשוט זייער איינפאך.
אדער קענסטו זאגן 7 בלאט א טאג עס איז נישט קיין סאך
אדער זאג ש"ס כסדרן 23 מינוט א טאג עס קאסט ממש א לאך
און ביז א יאר האסטו געענדיגט ש"ס.
אדער האלט דיך ביי דיינס און קראך!

אז דו ווילסט... צוטייל עס אזוי...
יעדן טאג
איין בלאט זאג
וועסט זען פירות פון דיין פלאג
נאך זיבן יאר גאנץ ש"ס. און א גוטן טאג.

## היכל הקודש
# נייעס

אפסטעיט

### שבת התוועדות צוזאמען מיט הכנסת ספר תורה



א הערליכער שבת איז פאריבער אינעם ראלי האטעל מיטן ראש ישיבה צוזאמען מיט די משפחות וואס האבן אריינגעברענגט די סכום וואס מען האט געדארפט אריינברענגען ביים פאריעריגן קאמפיין פון די קהילה.

ווי מען הערט פון די אינגעלייט וואס האבן מיטגעהאלטן דעם שבת איז דער שבת געווען גאר דערהויבן, מען האט געהערט אסאך שיינע שיעורים במשך דעם שבת, דער ראש ישיבה האט ארומגערעדט פונעם בעל הילולא אונזער רבי מוהרא"ש זכותו יגן עלינו וואס די יארצייט איז געפאלן אין שבת. מען האט געדאווענט צוזאמען א געשמאקן ווארימען דאווענען, אזוי אויך האט מען געגעסן צוזאמען די סעודות שבת, וואס איז געווען באגלייט מיט זמירות שבת פאר א לענגערע צייט.

די הויכפונקט פונעם שבת איז געווען מוצאי שבת ווען אלע אנשי שלומינו זענען געקומען פון אלע עקן מיטהאלטן דעם הערליכן הכנסת ספר תורה, די ספר תורה וואס איז געווארן געשריבן דורך אנשי שלומינו לעילו נשמת אונזער רבי מוהרא"ש זי"ע. מען האט געטאנצן און זיך געפריידט מיט די תורה פאר א לענגערע צייט, דערנאך האט מען זיך געוואשן צו א געשמאקע סעודה וואס איז געווארן צוגעשטעלט פאר אלע משתתפים, עס איז געווארן געהערט געוואלדיגע דיבורים פונעם ראש ישיבה וואס האט גאר שיין ארומגערעדט וואס מוהרא"ש האט אונז איבערגעלאזט, די לעכטיגע עצות פון רעדן צום אייבערשטן אין יעדן מצב וואס מען געפונט זיך נאר. אזוי אויך האט דער ראש ישיבה גאר שטארק ארומגערעדט אז מען זאל זיך מחזק זיין פון פריש צו לערנען תורה אויף די וועג וויאזוי דער הייליגער רבי האט אונז געלערנט אז מען דארף נישט פארשטיין די ווערטער, נאר מען זאל גיין אין א סדר און די פארשטיין וועט שוין נאכקומען.

אויך האט דער ראש ישיבה שטארק ארומגערעדט פון זיך אופפירן שיין אינדערהיים, רעדן שיין און ווייעך, דאס האט מוהרא"ש געהרעדט ביי יעדן איינציגן שיעור, אז מען זאל שעצן די ווייב און איר העלפן מיט אלעם וואס פעלט זיך אויס.

דער מעמד וועט זיכער געדענקט ווערן פאר א לאנגע צייט, און עס וועט זיכער איבערלאזן א געוואלדיגע חיזוק פאר אלע משתתפים צו זיך אויפירשן מיט די עצות פון הייליגן רבי'ן.

קרית ברסלב

### פיר פרישע מאשינען אנגעקומען צום בית הדפוס



פיר נייע פרינטערס איז אנגעקומען די טעג אינעם בית הדפוס אין קרית ברסלב ליבערטי.

ביז יעצט איז געווען צוויי מאשינען פאר צו דרוקן שווארץ און ווייס, און צוויי מאשינען צו דרוקן קאליר, יעצט האט מען צוריק געגעבן די אלטע און געקויפט צוויי נייע מאשינען פאר שווארץ און ווייס, און צוויי נייע פאר צו דרוקן קאליר, און דאס איז טאקע ספעציעל אהערגעשטעלט צו קענען דרוקן דעם קרית ברסלב בלעטל אויף א בעסערע פארמאט ווי ביז יעצט. דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל ווייטער קענען צושפרייטן די לעכטיגע אמונה אין די גאנצע וועלט.

בעזרת השם יתברך

# פרנס עשרה ימים

## אלקא דמאיר ענני

# שטר שותפות

מו"ה **יצחק מענדלאוויטש** הי"ו

האט אויסגעוועלט צו זיין א פולקאמער שותף אין די הייליגע לימוד התורה פון די תינוקות של בית רבן

**אין ארץ ישראל על טהרת הקודש**

און איז מנדב מיטן אייבערשטנס הילף די סכום פון

# $ 10,000

## פרנס עשרה ימים

הודש שבט תשפ"ד

---

די גרויסע זכותים לימוד התורה פון די טייערע תינוקות של בית רבן אין ארץ הקודש על טהרת הקודש שלא טעמו טעם חטא וועט אייך זיכער ביישטיין, איר זאלט זען אסאך אידיש נחת פון די קינדער, און האבן שפע ברכה והצלחה, מיט אריכות ימים ושנים טובים.

---

חתימת השותף הי"ו

יצחק מענדלאוויטש

חתימת ההנהלה

מוסדות היכל הקודש באהאלטין

מוסדות היכל הקודש באהאלטין הקודש

בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

צדקת רבי מאיר בעל הנס

אפדאונקען

משה ארי' שניצלער

# צוועלף פראבלעמען

ווען מ'טראכט פון חיזוק טראכט מען פון צדיקים, און ווען מ'טראכט פון צדיקים טראכט מען פון חיזוק. א צדיק מיט חיזוק איז איינס און די זעלבע.

אין הכי נמי, ס'איז טאקע דא מענטשן וואס ווערן נערוועז ווען מ'רעדט פון חיזוק, ר' חיים בענדלשיך, מיט ר' משה צייטפארטרייבער מיט ר' מענדעלע טרויבנפארזוכער מיט ר' שימעלע גערעכטער, זיי ציילן זיך צווישן די וואס שוימען פעך און שוועבל ווען מ'רעדט פון חיזוק, זיי פארשטייען אז אויב מ'וועט זאגן פאר א אינגערמאן אז דער אייבערשטער האט אים ליב, וועט דאס מיינען אז מ'מעג טון עבירות וויפל מ'וויל - חס ושלום, רחמנא ליצלן פון אפיקורסים וואס מ'דערקענט נישט פון דרויסן ווי ער לאכט ביי זיך אין הארץ פון די גאנצע תורה ביז משה רבינו רחמנא לצלן. ווען זיי קומען אן צו די ברכה פון אוהב עמו ישראל, ווערן זיי נערוועז, אזוי ווי זיי ווערן נערוועז ווען מ'זאגט אז שבת איז א מצוה צו עסן גוטע עסן.

ר' חיים בענדלשיך קומט אריין יעדן טאג אין שול צווישן צען און עלף. ער גייט צו די קאווע און הייבט אן טיילן אומזיסטיגע פארשימעלטע פארדארבענע מאגנברענענדיגע הסברים וועגן דעם הייליגן בעל שם טוב הקדוש, און דעם הייליגן גר"א זכותו יגן עלינו, ווען ער האלט שוין ביים דריטן קאצקע צוקער קומט ער שוין אן צום הייליגן ישמח משה זי"ע, צאנזער רב זי"ע, מאשין מצות, און נאך זאכן וואס איז אים וויכטיגער ווי צאלן רענט און לעקטער.

ר' מענדעלע טרויבנפארזוכער איז זייער א פארנומענער מענטש, ער טיילט סגולות פאר גרויסע געלטער, ער שפרעכט אפ אלע סארט פראבלעמען, פאר בלויז פיר הונדערט דאלער א שטיק, אויב איר האט א dozen פראבלעמען, פאלט די פרייז אויטאמאטיש צו האלב! ס'לוינט זיך! א bargain! אויב האלט איר ביי בלויז עלף פראבלעמען, איז ער גרייט צו מאכן א סעפערעישן ביי אייער חתונה געהאטע טאכטער, אז איר זאלט אנקומען ווי שנעלער צו צוועלף פראבלעמען, און זיין eligible צו די פיפטי פערצענט דיסקאונט! יעדן צווייטן דינסטאג, ביום שנכפל בו כי טוב, גלייך נאכ'ן ענדיגן שחרית און דעלקעלעך מיט מאטיאש, גייט ער ארום להרמת קרן עדתינו ותפארתינו, די גבאים לייגן אראפ טרויבן אויפ'ן טיש, מ'וואונטשט זיך מיט







בריטהארציגע וואונטשן למען יאריך ימים על עדתו ותפארתו.

לעצטע דינסטאג האט מען איינגעזען לטובת הכלל והפרט אז עס איז נויטווענדיג צו פארזוכן טרויבעלעך אין שטוב פון ר' שימעלע גערעכטער, אריינקומענדיג אין שטוב פון ר' שימעלע האט מען געקענט זען, אויף זיין פארקנייטשטע שטערן, אז ער האט אקארשט געענדיגט א ויכוח מיט די ווייב, אז עכט מיינט ער נישט זיך צו טענה'ן מיט איר, ער וויל נאר זי זאל וויסן אז זי האט די און די און די פראבלעמען, ווייל אויב מ'ווייסט נישט אז מ'האט די פראבלעם, איז דאס די שורש פון די פראבלעם, במילא קען מען נישט ארויסגיין פון די פראבלעם (אוי ברענג מיר א טיילענאל, מיין קאפ פלאצט פון דעם צורידערטן גערעכטן פארשוין, אוי א רחמנות אז מ'לעבט נישט מיט א צדיק).

די לעצטע מאל וואס איך האב געטראכט פון חיזוק און פון צדיקים, איז געווען ווען איך האב נעכטן געלערנט די תולדות פון הייליגן קדושת יום טוב. איך האב אינדערהיים צוויי קדושת יום טוב'ס, סיי פון הוצאת "ירושלים" און סיי פון הוצאת "עצי תמרים". ביידע האבן הערליכע תולדות וסיפורים פון הייליגן קדושת יום טוב. די זאך וואס האט מיך די מערסטע איבערגענומען איז אז פון ווען דער הייליגער צאנזער רב האט אים געשריבן די חיזוק בריוו אז ער וועט נאך געבענטשט ווערן מיט קינדער (כי בציפיתינו צפינו שיזכה לזרע ברך ה', עיין שם בלשונו הקדוש) ביז די קינדער זענען געבוירן, איז שוין געווען עטליכע יאר נאכ'ן הסתלקות פונעם דברי חיים! פחד פחדים! א רבי געבעט א הבטחה, און מעןווארט עס אויס מיט געדולד, דער עצי חיים, דער ערשטער קינד פון קדושת יום טוב, איז געבוירן תר"מ, דעמאלטס איז דער קדושת יום טוב געווען פיר און פערציג,

# מיין קאפ פלאצט פון דעם צורידערטן גערעכטן פארשוין

ווען רוב מענטשן האבן שוין א פינעף צען איניקלעך.

(און ווער ווייסט וויפל יאר פאר'ן הסתלקות האט דער דברי חיים געשריבן דעם בריוו, כ'האב נישט דא די אינפארמאציע צו דער בריוו האט א דאטום צו נישט).

אבער די פראבלעם איז אז כדי צו לעבן מיט א צדיק, דארף מען דאך האבן א צדיק זאל דיך לערנען ווי גרויס א צדיק איז, און א צדיק ווייסט מען דאך נישט אז דער צדיק איז די עכטע לעבן, און סתם מענטשן זענען נעבן א צדיק אזוי ווי א מורישקע נעבן א לייב.

עס שטייט אין ספר דברי יוסף אז דער קדושת יום טוב איז געווען גרייט יעדע רגע צו שטארבן אויף קידוש השם.

עס שטייט אין די באקאנטע בריוו פון לאפאש'ער רב זצ"ל צו רבינו הקדוש מ'סאטמאר זכותו יגן עלינו, אויפ'ן קדושת יום טוב זכותו יגן עלינו, אז ער האט אסאך מיטגעמאכט אין לעבן, אזוי וויט, אז זיין טאטע, דער הייליגער ייטב לב זכותו יגן עלינו, האט אים






געדארפט מחזק זיין, אז די צרות וועלן דורכגיין, אלעס וועט זיך איבערדרייען צום גוטן, אבער מיט דעם אלעם איז ער אלעמאל געווען פרייליך (עיין שם באריכות).

אויך איז באקאנט דער בריוו פון צאנזער רב זכותו יגן עלינו, וואו ער שרייבט, שיזהרו בכבודו, וחלילה לפגוע בכבודו, כי הוא גדול בתורה וביראה.

א צדיק איז זייער גרויס! מוהרא"ש האט מיר געעפנט א טראפקעלע די אויגעלעך צו פארשטיין אז א צדיק איז זייער גרויס, און מיר ווייסן גארנישט.

ווען איך בין געווען א אינגעלע און א בחור'ל, ווען איך בין געגאנגען מיט אלע קינדער צום ציון הקדוש אין קרית יואל, ביי די יארצייט, כ"ו אב, האב איך נישט אינגאנצן פארשטאנען די גרויסקייט פון דעם הייליגן ציון פון רבינו הקדוש, ביז כ'האב אזוי סאך געהערט פון מוהרא"ש זכותו יגן עלינו, אז ביי א צדיק קען מען פועל'ן וואס מען וויל!

מיין ערשטע מיניוועון האב איך געפועל'ט אין קרית יואל ביים רבינ'ס ציון, מיין עלטסטע זון, ר' יוסף הי"ו איז געווען דעמאלטס בערך זעקס יאר אלט, כ'האב אים געוואלט מחנך זיין וואס א ציון פון א צדיק איז, כ'האב געוואלט ס'זאל אים זיין איינגעבאקן אין די ביינער אז א צדיק איז זייער גרויס, און מ'קען ביים צדיק באקומען אלעס וואס מ'בעט.

זעמיר געפארן צום ציון הקדוש אין די יארצייט, כ"ו אב, מ'קום מיר אריין אין הייליגן אוהל, מ'גיימיר צו די רעכטע זייט, און דערנאך גראד צו די אנדערע וואנט, (די וואנט וואו די פרויען גייען געווענליך, נאר ביי די יארצייט גייען נישט דארט קיין פרויען), מיר שטעלן זיך ביים פענסטער, עס זאל אריינקומען א טראפקעלע לופט אין דעם געפאקטן אוהל, כ'האב געזאגט פאר ר' יוסף אז אויב ער וויל מיר זאלן האבן א מיני וועןן, קען ער דא בעטן דעם אייבערשטן (ביז דעמאלטס האב איך געהאט נאר א קאר, קודם א שעווי לומינע, א רויטע, געקויפט ביי די אוקשן, אין די נעיווי יארד, אויף קענט עווניו, ביי קליימער סטריט, נאכדעם א ביואיק, לא סעיברע, א גרינע, באקומען פון מיין טייער'ן שוואגער נ"י ווען ער האט געקויפט א פארד עקספעדישן).

אזוי זעמיר געשטאנען דארט, פון דריי נאכמיטאג, ביז פירע, א שעה צייט, און איך הער ווי מיין טייערע זעקס יעריגע אינגעלע זאגט א שעה אין א צי, "הייליגער באשעפער העלף טאטי זאל קויפן א מיני וועןן". איך אליין בין געווארן נתעורר פון די תמימות פון קליינע קינדער.

וואס מיינט איר איז געשען? א קורצע צייט דערויף זעמיר געזיצן אין א light blue שעווי ווענטשור! די קינדער וועלן אייביג געדענקען זייער "מעשה פון תפלה", די כח פון א ציון פון א צדיק!

אז מ'לעבט מיט א צדיק האט מען אלעס!

**ביי א צדיק קען מען פועל'ן וואס מען וויל!**

לאמיר זיך לערנען פון צדיקים אז מ'דארף ווארטן מיט געדולד ביז עס קומט די ישועה, דער קדושת יום טוב האט געווארט אויף קינדער איבער צוואנציג יאר! און געבעט א קוק וואס פארא קינדער ער האט באקומען! לאמיר ווארטן מיט געדולד ביז דער אייבערשטער ענטפערט אונזערע תפילות. יעדע תפילה פועל'ט! אפילו אויב איך זע נישט אז איך זאל באקומען די זאך וואס איך בעט, מיינט דאס נישט אז די תפילה איז פארלוירן, די תפילה האט מיר זיכער געברענגט עפעס א ישועה, אפילו אויב איך זע עס נאכנישט, לאמיר בעטן, הייליגער באשעפער העלף איך זאל אייביג רעדן צו דיר, העלף איך זאל זוכה זיין צו לעבן מיט א צדיק.

שכח אייבערשטער אז דו האסט מיר געגעבן דעם גרויסן צדיק מוהרא"ש, וואס האט מיך אויסגעלערנט אז איך מוז קוקן אויף א צדיק און זען וואס איך קען זיך לערנען פון דעם צדיק אויף הלכה למעשה אין טאג טעגליכן לעבן. איך גיי זיך לערנען פון הייליגן קדושת יום טוב (יארצייט קומענדיגן דאנערשטאג משפטים כ"ט שבט, ערב ראש חודש אדר א') אז עס לוינט זיך צו ווארטן אויף מיין ישועה, (אזוי ווי די ווערטל גייט patience is not about waiting, it's about how you act while you wait) און ביז מיין ישועה קומט וועל איך ווייטער רעדן צום אייבערשטן.

Deadline to advertise
Sunday 12:00 PM

# קלאסיפייד'ס







א שיינע איין רומיגע דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר א שבת אדער פאר א קורצע צייט, אין די טווין ברידזש געגענט, נאנט צום בית המדרש עצתו אמונה.

אויך שטעלן מיר צו סעודת שבת קודש.

רופט לייבי ראטה - 347-578-4449

## KB Seamstress

136 Huschke Rd Hurleyville NY 12747

Fix your stretched shells ! Ezlastic sale ! roll fixes 10 necks for $6.50 reg $8.50. Roll fixes 20 necks for $9.99 reg $11.99.

Call Leah Weberman
845-662-4083

## צדקה בייטלעך

אלע וואס האבן א צדקה בייטל און ווילן איבערגעבן די געלט פארן ראש ישיבה קען מען איבערגעבן פאר מו"ה ישראל פוקס הי"ו.

845-720-2560

## השבת אבידה

אויפגעטוישט א שווארצע קינדער קאוט resversble sherpa מיט א אנדערע קורצע קאוט, ביים חתונה פונעם ראש ישיבה זונטאג בא.

רופט
347-461-7411

## אפיסעס צו דינגען

הערליכע שיינע אפיסעס, גרויסע און קליינע, צו פארדינגען אויף מעין סטריט אין ליבערטי.

פאראינטערסירטע רופט אדער טעקסט
646-462-8189

# „מעשיות פון תפילה"



### יצחק אייזיק ראזענבוים - קרית יואל:

1. איך האב זייער שטארק געוואלט אריינפארן צום חתונה ביים ראש ישיבה פארגאנגענעם זונטאג בא וואס איז פארגעקומען אין ישיבה. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן פאר א גוטע איינגענעמע וועג, שכח אייבערשטער פארן פיינעם וועג וואס איך האב געהאט צוזאמען מיט נאך אפאר אינגעלייט פון אנשי שלומינו.

אויך האבן מיר געבעטן פאר א גוטע פארקינג נעבן שול, און שכח אייבערשטער מען האט גלייך געטראפן.

2. איך האב זייער שטארק גערארפט כאפן א היטש כדי צו קענען גיין משמח זיין שמחת חתן וכלה ביי א שבע ברכות, בשעת איך האב געווארט איז אויך געוועזן אינמיטן א שלאקס רעגן, וואס דאס האט געמאכט נאך וויכטיגער דאס כאפן א היטש.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל כאפן א היטש טשיק טשאק אן קיין לאנגע געווארטעכטס, און שכח אייבערשטער עס האט נישט גענומען לאנג און איינער האט זיך דערבארעמט און מיר געגעבן א היטש ביז דעם פלאץ וואו איך האב געדארפט אנקומען.

### משה עקשטיין - קרית ברסלב:

1. איך האב געדארפט אינסטאלירן א לייט און ציען א נייע ווייער, איך בין נישט אזוי באקאנט אין עלעקטריק איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל דאס קענען אינסטאלירן אן קיין שוועריקייטן, איך האב פרובירט איין וועג אבער עס איז נישט געגאנגען, איך האב פרובירט א אנדערן וועג און דאסמאל איז עס ברוך השם געלונגען. שכח אייבערשטער.

2. איך האב געהאט אריינגעגעבן פאר HEAP כדי צו קענען אנפילן מיין אויל טאנק מיט אויל, וואס האט זיך שוין כמעט געהאט אויסגעניצט. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל אדורכגיין שנעל און גרינג שכח אייבערשטער אז זיי האבן מיר גערופן זאגן אז עס איז אפראוווד און עס גייט שוין אריינקומען די געלט.

### יואל לאנדא - קרית ברסלב:

איך האב געדארפט באצאלן מארטגעדזש אבער איך האב נישט געהאט גענוג געלט צו באצאלן, אזוי אויך איז געווען נאך אפאר זאכן וואס איך האב געדארפט באצאלן.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל דאס קענען באצאלן אין צייט, עס איז געקומען די לעצטע טאג האב איך באקומען עפעס א דזשאב, איך האב געמאכט דעם דזשאב, אבער ער האט מיר למעשה נישט געצאלט אויפן טאג. אבער דארט ביי יענעם דזשאב האב איך מיר דערמאנט אז איך דארף אריבערגיין צו א געוויסע פלאץ עפעס ערלעדיגן, איך האב יענעם גערופן אויב איך קען יעצט אריבערקומען, האט ער מיר געזאגט נישט קיין שום פראבלעם, קענסט יעצט אריבערקומען.

איך בין אריבער צו יענעם און ער רופט זיך אן צו מיר: דו ווייסט אז איך דארף דיר נאך געבן געלט פון עפעס א אלטע דזשאב וואס דו האסט מיר געמאכט א צייט צוריק? דא האסטו די געלט. איך האב נישט געהאט גערעכנט אויף דעם ווייל איך האב געהאט אפגעשמועסט מיט אים אז מען גייט עס אראפרעכענען פון א געוויסע חשבון, האט ער מיר געזאגט אז נאכן אראפרעכענען בלייבט נאך איבער דעם סכום.

דאס איז געווען ממש דעם סכום וואס איך האב געדארפט צו באצאלן מיינע בילס. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל נישט דארפן באצאלן פאר די מארטגעדזש קאמפאני די סכום וואס מען דארף געבן ווען מען צאלט שפעט, און שכח אייבערשטער זיי האבן עס נישט גערעכנט.

# א בריוו
## פונעם ראש ישיבה שליט"א

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י"ז שְׁבַט, יוֹמָא דְהִילוּלָא שֶׁל מוֹהֲרָא"ש זצוק"ל שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

וָואס קְרֶעכְצְסְטוּ אַזוֹי? דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר.

דוּ זֶעסְט נִישְׁט וָואס טוּט זִיךְ אָפּ אוֹיף דֶער וֶועלְט? וָואס פַאר אַ צָרוֹת עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער? וֶוער עֶס הֶערְט דִי נֵייעֶס זֶעט מִיט דִי אוֹיגְן וָואס דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ אִיז, וִוי דֶער נִיגוּן גֵייט אִין בְּרֶסְלֶב: **"אָט אִיז מֶען דָא, אָט אִיז מֶען דָארְט, אָט לִיגְט מֶען שׁוֹין אוֹיפְן אֵייבִּיגְן אָרְט"**; קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶס גֵייט זַיין דֶעם קוּמֶענְדִיגְן מִינוּט.

נֶעכְטְן אִיז גֶעוֶוען אִין דִי נֵייעֶס אַז אַ בָּחוּר אִיז גֶעפָארְן צוּ זַיין יְשִׁיבָה מִיט זַיין בֵּייק, אִינְמִיטְן וֶועג הָאט אִים אַ קַאר אַרָאפְּגֶעקְלַאפְּט אוּן עֶר אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן - הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; הָאסְט אוֹיךְ אַוַדַאי גֶעהֶערְט דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע נֵייעֶס פוּן דִי שְׁוֶוערֶע עֶקְסִידֶענְט וָואס הָאט פַּאסִירְט דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ מִיט אוּנְזֶער חַבֵר הַבָּחוּר ...; עֶר אִיז גֶעפָארְן אַ נְסִיעָה אוֹיף מְקוֹמוֹת הַקְדוֹשִׁים אִין אֵיירָאפֶּע, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַייז אוֹיפְן וֶועג אוּן דֶער קַאר אִין וֶועלְכֶער עֶר אִיז גֶעזִיצְן הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אוּן עֶר אִיז נֶעבֶּעךְ נָאךְ אַלְץ נִישְׁט אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל זִיךְ מְרַחֵם זַיין אוֹיף אִים אוּן אוֹיף אַלֶע חוֹלֵי יִשְׂרָאֵל עֶר זָאל הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה.

עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ אוֹיסְצוּרֶעכֶענֶען וָואס עֶס גֵייט אַלְץ אַרִיבֶּער אוֹיף מֶענְטְשְׁן; אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס גֵייט פַּאסִירְן מִיט אִים דֶעם קוּמֶענְדִיגְן סֶעקוּנְדֶע. מֶען דְרֵיידְט זִיךְ אַרוּם מִיט טַעֲנוֹת וּמַעֲנוֹת אוֹיפְן רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, מֶען קְרֶעכְצְט אוּן מֶען וֵויינְט אוֹיף דָאס אוּן אוֹיף יֶענְץ, בְּשַׁעַת דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט דָאךְ אַזוֹיפִיל חֲסָדִים פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִים קלו, ד): **"לְעֹשֵׂה נִפְלָאוֹת גְּדֹלוֹת לְבַדּוֹ"**, וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (נִדָּה לא.): **"לְעוֹלָם אֲפִילוּ בַּעַל הַנֵּס אֵינוֹ מַכִּיר בְּנִיסּוֹ"**, דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט דִי נִיסִים, וֵוייסְט אַלֵיינְס נִישְׁט וָואס פַאר אַ נִיסִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אִים.

אַנְשְׁטָאט קְרֶעכְצְן אוּן וֵויינֶען **הֵייבּ אָן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן**, זָאג אִים: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר אַלֶע חֲסָדִים וָואס דוּ טוּסְט מִיט מִיר", אוּן רֶעכְן אִים אוֹיס בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוֹת וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר. אֲפִילוּ דוּ הָאסְט זַאכְן וָואס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי וִוי דוּ ווִילְסְט, וֶועסְטוּ דָאס נָאכְדֶעם בֶּעטְן, אָבֶּער קוֹדֶם קוּק אַבִּיסְל אוֹיפְן לֶעבְּן מִיט אַ גוּט אוֹיג.

גֵיי נִישְׁט אַרַיין אִין קַיין וִויכּוּחִים מִיט קֵיינֶעם אוּן זִיכֶער נִישְׁט מִיט דַיין וַוייבּ; מִיט וִויכּוּחִים וֶועסְטוּ אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט אָנְקוּמֶען. גֶעבּ נָאךְ פַאר דַיין וַוייבּ; וָואס ווִיל זִי שׁוֹין פוּן דִיר? סַךְ הַכֹּל אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ, מִמֵּילָא אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ טַעֲנָה'ן. גֶעדֶענְק וָואס אִיךְ זָאג דִיר שְׁטֶענְדִיג: "מֶען וֶוערְט נִישְׁט קְלֶענֶער וֶוען מֶען גֶעבְּט נָאךְ, אוּן מֶען וֶוערְט נִישְׁט שְׁטֶערְקֶער וֶוען מֶען פִּירְט אוֹיס".

**אַ גוּטֶע נַאכְט.**



# א שיחה
## פון דער ראש ישיבה שליט"א

## יארצייט מוהרא"ש זי"ע
## חלק ב'

**ביים איבערגיין איבער וואס מיר האבן באקומען פון מוהרא"ש האט דער ראש ישיבה געזאגט:** מוהרא"ש איז מקורב געווארן צום הייליגן רבי'ן ווען ער איז אלט געווען זעכצן יאר; ער האט געטראפן א קליינעם ספר "משיבת נפש", א ספר וואס רבי אלתר פון טעפליק זכותו יגן עלינו האט געמאכט, ער האט צוזאמגענומען שטיקלעך התחזקות פון ליקוטי הלכות און דאס געדרוקט אין דעם ספר.

דער ספר האט אים אויפגעפלאמט זיין הארץ, און ביי די פיר און צוואנציג יאר, שנת תשכ"ד לפ"ק, האט מוהרא"ש אנגעהויבן שרייבן בריוון פון התחזקות פאר בחורים און יונגעלייט וואס זענען געקומען צו אים בעטן חיזוק. פון די בריוון איז געווארן דעם ספר "אשר בנחל" וואס האט אין זיך איבער זיבעציג טויזנט בריוו פון התחזקות און עצות פאר יעדן מענטש און פאר יעדן פראבלעם.

קוק וואס הייסט א לב טוב, א עין טוב - ווי מוהרא"ש, ווען ער האט זיך דערוויסט פון רבי'ן און ער האט געזען ווי דאס האט אים געטוישט זיין לעבן און געזען אז מען קען נישט באקומען די ספרים, דעמאלט איז געווען זייער שווער צו טרעפן די ספרים פון רבי'ן, האט ער מחליט געווען אז ער גייט דאס דרוקן און פארשפרייטן פאר די גאנצע וועלט, און אזוי האט ער געטון במשך זיין גאנצע לעבן; ער האט געדרוקט און געדרוקט און געדרוקט אזוי פיל אז עס נאך נישט געווען אין די היסטאריע אז א מענטש זאל דרוקן אזויפיל ספרים וויפיל מוהרא"ש האט געדרוקט במשך זיין לעבן; דאס דארפן מיר נאכמאכן, ווי מער מען קען פארשפרייטן פאר די וועלט אז עס איז דא א וועג פאר יעדן איינעם צוריק צו קומען צום אייבערשטן.

מענטשן פרעגן: "ווער האט גע'ירש'נט די ירושה פון מוהרא"ש?" אלע קענען מיר האבן א חלק אין די ירושה; ווער עס דרוקט די ספרים פון מוהרא"ש נעמט א חלק אין די ירושה.

(מכתב ד' יתרו י"ז שבט תשע"ט)



# א מעשה פון א צדיק

## אַ מִילְיָאן הֵיישֶׁעְרִיקְן

אֵיינְמָאל אִיז דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ גֶעזִיצְן מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים אִין שְׁטָאט צְפַת און עֶר רוּפְט זִיךְ אָן "בָּרוּךְ דַּיָּין הָאֱמֶת", הָאבְּן דִי תַּלְמִידִים גֶעפְרֶעגְט דֶעם אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ וָואס הָאט דָא פַּאסִירְט אַז עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן "בָּרוּךְ דַּיָּין הָאֱמֶת"? הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז עֶס קוּמְט יֶעצְט אַ מַכָּה פוּן אֲרַבֶּה אוֹיף צְפַת לֹא עָלֵינוּ, עֶס גֵייט קוּמֶען אִין דִי קוּמֶענְדִיגֶע שָׁעוֹת אַ מִילְיָאן הֵיישֶׁעְרִיקְן און זֵיי גֵייעֶן דָא אַלֶעס אוֹיפְעֶסְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן.

הָאבְּן דִי תַּלְמִידִים גֶעפְרֶעגְט זֵייעֶר רֶבִּי׳ן פַארְוָואס גֵייט קוּמֶען אוֹיף אוּנְז אַזַא גְזֵירָה? הָאט דֶער אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ זֵיי גֶעזָאגְט אַז דָא אִין שְׁטָאט אִיז דָא אַ אִיד אַ תַּלְמִיד חָכָם וָואס הָאט נִישְׁט וָואס צוּ עֶסְן, זַיין פַּרְנָסָה אִיז צוּ שֶׁעפְּן וַואסֶער מִיט אַ עֶרְדֶענֶע כֵּלִי, הַיינְט הָאט עֶר זִיךְ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט און זַיין כֵּלִי הָאט זִיךְ צֶעבְּרָאכְן, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין וֶועג אַהֵיימְצוּבְּרֶענְגֶען עֶסְן. עֶר זִיצְט אִינְדֶערְהֵיים אוֹיפְן עֶרְד און וֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט טַעֲנוֹת אוֹיף דִי אִידְן צְפַת הֲיִתָּכֵן מֶען הֶעלְפְט אִים נִישְׁט. מֶען דַארְף שְׁנֶעל צַאמְנֶעמֶען אַפָּאר דָאלֶער, קוֹיפְן עֶפֶּעס עֶסְן, און עֶס שְׁנֶעל טְרָאגְן צוּ אִים.

מֶען הָאט שְׁנֶעל צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט אַפָּאר דָאלֶער, און מִיט דֶעם גֶעלְט גֶעקוֹיפְט אַ שְׁטִיקְל בְּרוֹיט מִיט עֶפֶּעס צוּ צוּבַּייסְן. מֶען אִיז שְׁנֶעל אַרִיבֶּער צוּ דֶעם אִיד אִינְדֶערְהֵיים און אַרַיינְגֶעקְלַאפְּט אָבֶּער קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעעֶפֶענְט, זֶענֶען זֵיי אַרַיין אִין שְׁטוּבּ, הָאבְּן זֵיי גֶעזֶען וִוי דֶער אִיד לִיגְט אוֹיף דֶער עֶרְד און וֵויינְט, עֶר הָאט טַעֲנוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. מֶען הָאט אִים שְׁנֶעל אוֹיפְגֶעהוֹיבְן, גֶעזֶעצְט צוּם טִישׁ און גֶעגֶעבְן צוּ עֶסְן. אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ בַּארוּאִיגְט פוּן זַיינֶע שְׁוֶועְרִיקֵייטְן.

נָאכְן זִיךְ בַּארוּאִיגְן הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶר אִיז גְרֵייט יֶעצְט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי גְזֵירָה זָאל בָּטֵל וֶוערְן, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט פוּן וֶועלְכֶע גְזֵירָה מֶען רֶעדְט דָא, הָאט מֶען אִים פַארְצֵיילְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶס קוּמְט אַ גְזֵירָה וֶועגְן אִים, הָאט עֶר זִיךְ גְלַייךְ פָארְגֶענוּמֶען אַז עֶר גֵייט נִישְׁט מֶער הָאבְּן קַיין טַעֲנוֹת אוֹיף דִי אִידְן, עֶר הָאט גְלַייךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי גְזֵירָה זָאל בָּטֵל וֶוערְן.



נָאךְ דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה אִיז מֶען צוּרִיקְגֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ זִיךְ צוּרִיק זֶעצְן לֶערְנֶען, אִינְמִיטְן זֶעט מֶען עֶס הֵייבְּט אָן וֶוערְן טוּנְקְל, עֶס קוּמֶען צוּ גֵיין מִילְיָאן הֵיישֶׁעְרִיקְן, דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ הָאט זֵיי גֶעזָאגְט אַז זֵיי דַארְפְן נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, דִי הֵיישֶׁעְרִיקְן זֶענֶען שׁוֹין גֶעוָוארְן אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט צוּ טוּן זֵייעֶר שְׁלִיחוּת אוֹיסְצוּפִירְן דִי גְזֵירָה, אָבֶּער יֶעצְט וֶועט עֶטְץ זֶען אַז זֵיי גֵייעֶן אַלֶע אַוֶועקְגֵיין. וְכַךְ הֲוָה, דִי הֵיישֶׁעְרִיקְן זֶענֶען נֶעְלָם גֶעוָוארְן.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם דִי כֹּחַ פוּן טוּן חֶסֶד, דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן טֵיילְן עֶסְן פַאר אִידְן רַאטֶעוֶועט פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

(געגומען פון א שיעור מוצאי שבת בא תשפ״ד)



# דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס לֶעבְּנְסגֶעשִׁיכְטֶע



| פארזעצונג |

- מ"ד -

**פָארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:** אִין אַ דָארְף נָאנְט צוּ זְלַאטִיפָּאלֶע הָאט גֶעוואוֹינְט אַ אִיד וָואס עֶר הָאט אָפְּגֶעדִינְגֶען דִי אַרֶענְדֶע פוּנֶעם אָרְטִיגְן פָּרִיץ, אוּן אַלֶע קְרֶעטְשְׁמֶעס אִין דִי גַאנְצֶע אוּמְגֶעגְנְט הָאבְּן גֶעדַארְפְט צָאלְן דִי רַאטֶעס פַאר אִים.

עֶר הָאט גֶעהַאט זֵייעֶר אַ וואוֹילֶע עֶרְלִיכֶע וַוייבּ, זִי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גוּטְהַארְצִיגֶע אוּן רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף דִי אִידְן וָואס הָאבְּן גֶעהַאלְטְן דִי קְרֶעטְשְׁמֶעס, אוּן וֶוען סְ'הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַז אֵיינֶער פוּן זֵיי הָאט נִישְׁט גֶעהַאט דָאס גֶעלְט צוּ צָאלְן פַאר אִיר מַאן דִי רַאטֶע, הָאט זִי זֵיי גֶעגֶעבְּן דָאס גֶעלְט צוּ קֶענֶען בַּאצָאלְן.

* * *

אֵיין טָאג אִיז זִי זֵייעֶר עֶרְנְסְט קְרַאנְק גֶעוָוארְן, בִּיז זִי אִיז גֶעוֶוען מַמָּשׁ נָאנְט אוֹיסְצוּגֵיין. אִיר מַאן הָאט פְּרוּבִּירְט מִיט אַסַאךְ גְרוֹיסֶע דָאקְטוֹירִים אָבֶּער זֵיי הָאבְּן גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט הֶעלְפְן.

פַאר דִי קְרֶעטְשְׁמֶערְס הָאט דָאס זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן, אוּן וִויסְנְדִיג אַז וֶועט זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם אַוֶועקְגֵיין פוּן דֶער וֶועלְט זֶענֶען זֵיי אוֹיף גְרוֹיסֶע צָרוֹת, קֵיינֶער וֶועט אוֹיף זֵיי נִישְׁט רַחֲמָנוּת הָאבְן, דֶערְפַאר הָאבְן זֵיי זִיךְ צוּזַאמְגֶענוּמֶען אִינְאֵיינֶעם זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן אוּן פְּרוּבִּירְן אִיר צוּ הֶעלְפְן וִוי וַוייט מֶעגְלִיךְ, זֵיי זֶענֶען גֶעפָארְן בְּרֶענְגֶען גְרוֹיסֶע דָאקְטוֹירִים פַאר אִיר.



אֵיינֶער פוּן דִי קְרֶעטְשְׁמֶערְס אִיז גֶעוֶוען אַבִּיסְל מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן, עֶר פְלֶעגְט פָארְן צוּם רֶבִּי'ן אַסַאךְ קַיין זְלַאטִיפָּאלֶע, דֶערְפַאר אִיז עֶר צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִיר מַאן אוּן אִים צוּגֶערֶעדְט עֶר זָאל שִׁיקְן אַ פִּדְיוֹן צוּם רֶבִּי'ן, אוּן בֶּעטְן אַז דֶער רֶבִּי זָאל מִתְפַּלֵל זַיין פַאר אִיר. דֶער מַאן הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען אוּן גֶעשִׁיקְט מִיט אִים אַ פִּדְיוֹן צוּם רֶבִּי'ן. דֶעמָאלְט אִיז דִי פְרוֹי שׁוֹין גֶעוֶוען מַמָּשׁ גָאר נָאנְט צוּ גְסִיסָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

דֶער אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן אִים אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דֶעם פִּדְיוֹן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל אִים בְּרֶענְגֶען אַ רֶענְדְל. דֶער רֶבִּי הָאט גֶענוּמֶען דֶעם רֶענְדְל אִין הַאנְט אוּן אִים גֶעזָאגְט אַז דֶער רֶענְדְל הָאט נִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע וָואג, אִיז גֶעגַאנְגֶען דֶער מֶענְטְשׁ אוּן גֶעבְּרֶענְגְט אַ צְוֵוייטְן רֶענְדְל, דָאס הָאט אָבֶּער אוֹיךְ נִישְׁט גֶעוואוֹיגְן גֶענוּג, אוּן אַזוֹי הָאט דֶער אִיד גֶעבְּרֶענְגְט אַסַאךְ מָאל נָאךְ רֶענְדְלֶעךְ, אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט עֶס יֶעדֶעס מָאל אָפְּגֶעוואוֹיגְן מִיט דִי הַאנְט אוּן אִים עֶס צוּרִיק גֶעגֶעבְּן זָאגְנְדִיג אַז סְ'הָאט נִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע וָואג.

בִּיז דֶער אִיד הָאט אַרִיבֶּער גֶערוּפְן צוּם רֶבִּי'ן אַ וֶועקְסְלֶער, יֶענֶער אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן מִיט אַסַאךְ רֶענְדְלֶעךְ, אוּן הָאט אוֹיךְ מִיטְגֶעבְּרֶענְגְט אַ וָואגְשָׁאל, דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן אֵיין רֶענְדְל וָואס הָאט גֶעהַאט פּוּנְקְטְלִיךְ דִי רִיכְטִיגֶע וָואג אוֹיפְ'ן וָואגְשָׁאל, אוּן דַאן הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט צוּ דֶעם אִיד, "פָאר אַהֵיים, וַוייל דִי פְרוֹי אִיז שׁוֹין גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן".

דֶער אִיד הָאט זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט אוֹיף דִי אָפֶענֶע דִיבּוּרִים, עֶר הָאט גֶעקוּקְט אוֹיפְ'ן זֵייגֶער צוּ זֶען וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט, אוּן אִיז גֶעפָארְן צוּם דָארְף גֶעוואוֹיר צוּ וֶוערְן אִיבֶּער דִי מַצָּב פוּן דִי פְרוֹי.

וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם הוֹיז פוּנֶעם אַרֶענְדֶער, הָאבְן דִי שְׁטוּבּ מֶענְטְשְׁן אִים דֶערְצֵיילְט וָואס סְ'הָאט פַּאסִירְט מִיט אִיר נָאכְדֶעם וָואס עֶר אִיז גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי'ן. גְלַייךְ וֶוען עֶר אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען הָאט זִי אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיסְצוּגֵיין, סְ'אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיס גֶעוֵויין אוּן גֶעפִּילְדֶער אִין שְׁטוּבּ, בִּיז זִי הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט אוּן זִי הָאט גֶעבֶּעטְן מְ'זָאל אִיר גֶעבְּן וַואסֶער צוּ טְרִינְקֶען. זִי הָאט זֵיי דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען אִיר נְשָׁמָה אִיז אַרוֹיס אוּן זִי אִיז גֶעקוּמֶען פַארְ'ן בֵּית דִין שֶׁל מַעֲלָה, הָאט מֶען אָפְּגֶעוואוֹיגְן אִירֶע מִצְווֹת אוּן עֲבֵירוֹת, אוּן דִי עֲבֵירוֹת הָאבְּן אִיבֶּערְגֶעוואוֹיגְן אוּן סְ'אִיז אַרוֹיס דֶער פְּסַק דִין אַז זִי דַארְף שְׁטַארְבְּן אוּן מֶער נִישְׁט צוּרִיק קוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט. אִינְצְוִוישְׁן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ אִינְגֶערְמַאן [אוּן זִי הָאט אוֹיסְגֶע'מָשָׁלְ'ט דִי צוּרָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן] אוּן עֶר הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַ רֶענְדְל אוּן עֶס אַרוֹיפְגֶעוָוארְפְן אוֹיפְ'ן וָואגְשָׁאל בַּיי דִי זְכוּתִים, אוּן דָאס הָאט גֶעמַאכְט דִי זְכוּתִים זָאלְן אִיבֶּערְוֶועגְן, אוּן מְ'הָאט אִיר גֶע'פַּסְקְ'נְט אַז זִי קֶען בְּלַייבְּן לֶעבְּן.

לוֹיט וִוי זֵיי הָאבְּן דֶערְצֵיילְט הָאט דָאס פַּאסִירְט אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען מִיטְ'ן אָפְּוֶועגְן דֶעם רֶענְדְל אוֹיפְ'ן וָואגְשָׁאל. דֶער אִיד אִיז זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן פוּן דִי מַעֲשֶׂה, יֶעצְט הָאט עֶר שׁוֹין גוּט פַארְשְׁטַאנֶען פַארְוָואס דֶער רֶבִּי הָאט אַזוֹיפִיל מָאל גֶעוואוֹיגְן אוּן גֶעמָאסְטְן דֶעם רֶענְדְל, בִּיז סְ'אִיז אִים גֶעפָאלְן.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה
**גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"**



# מאנטאג פרשת תולדות

ישראל דוד העסקעל

**לאמיר** אייך מיטנעמען אויף זייער א פרייליכע אינטערעסאנטע טאג וואס איך האב לעצטנס געהאט.

פארגאנגענעם מאנטאג פרשת תולדות האב איך געדארפט זיין אין שפיטאל מיט א קינד.

איך בין געווען אין שפיטאל פאר א האלבן טאג, נאכן פארברענגען דארט א שטיק צייט בין איך אריבערגעלאפן אין שול דאווענען שחרית (איך בין אריין אין שפיטאל נאך פאר מ'האט געקענט דאווענען) און מיין ווייב איז געבליבן מיטן קינד. ביז איך בין אנגעקומען אין שול האט שוין די צייט געהאלטן אז אין איין שטיבל האט מען נאך געדאווענט שחרית און אין די צווייטע איז שוין געווען מנינים אויף מנחה... ס'איז שוין געווען שפעט אפילו אויף די לאנדאנער סטאנדארד.

דאס ערשטע בין געלאפן כאפן א טבילה אין מקוה דארט האט זיך בכלל נישט אנגעזען אז ס'איז דא אידן וואס זענען שוין אפאר שעה אין די ארבעט... קיינער יאגט נישט קיינער טרייבט נישט, די טאג קוקט נאך אויס רויג - - לאנדאן!

איך לויף שנעל דאווענען. ביים ליינען האב איך געמאכט א מי שברך לחולה. נאכן דאווענען קומען עטליכע אידן צו און מ'הייבט אן שמועסן אהין און אהער און ווען און פארוואס איך בין געווען אין שפיטאל. דער עיקר דיין קינד זאל זיין געזונט און שטארק אויף אלע רמ"ח אברים ושס"ה גידים. אמן!

מיין קאפ רויעט און פליט, צופיל בין איך נישט געשלאפן א נאכט פריער... איך פראביר זיך אביסל צוזאמען צו נעמען מיינע מחשבות, וואס דארף איך נאך מסדר זיין איידער איך גיי צוריק אין שפיטאל. איך שטיי דארט אין ווינקל אינעם שול, איך דריי צאם מיין רבינו תם מיטן טלית אויפן פלייצע.

אזוי שטייענדיג גוט פארזונקען אין מיינע




מחשבות קומט איינער צו גיין - א גאר 'געשמאקער באטעמטער' איד - זיך קוים ארויסגעשארט פון בעט, צובוזשעט פיאות, איינס הענגט אזוי שיף, די צווייטע איז גאר שטייענדיג, ס'שטעקט זיך אים אזוי ארויס פון פנים...

ער ווענד זיינע טריט דירעקט צו מיר: "איך בין נישט צו געוואוינט דיך צו זעהן דא אין אזא צייט... זאגט ער מיט א שמייכל, וואס האט פאסירט? האסט געכאפט א פיינעם שלאף? ביסט אויף וועקעישן? וואס גייט פאר?"

פארצייל איך אים פארוואס איך בין דא אין אזא צייט!

אהא פארדעם ביסטו יעצט דא אין אזא צייט, פארשטאנען... איך מוז דיר זאגן א גוט ווארט וואס איך האב געהערט דעם שלש סעודות פונעם רב אין מיין שול.

ער פרעגט א שטארקע קשיא ס'שטייט אז ווען עשו איז גרויס געווארן איז ער געווען אן איש שדה, זאגט אויף דעם רש"י הקדוש כמשמעו אז ער איז געווען אן אדם בטל - עשו איז געווען א




ליידיג גייער, ער האט גארנישט געטון מיטן טאג, נאר אפגעברענט די צייט. און גלייך נאכדעם זאגט רש"י וצודה בקשתו חיות ועופות - אז עשו פלעגט מיט זיין פייל און בויגן פאנגען א גאנצן טאג חיות און פייגלעך.

שטימט דאך נישט ווייל ווי קען זיין אז ער איז געווען א פוסטער ליידיג גייער אויב ער איז א גאנצן טאג געווען פארנומען פאנגען חיות? אויב פאנגט ער חיות איז ער דאך נישט קיין ליידיג גייער, פארקערט ער איז דאך לכאורה געווען גאר א ביזי מענטש צו פאנגן מיט זיין פייל און בויגן?

נאר וואס דען, עשו פלעגט נישט פאנגן חיות און פייגל ווייל ער איז געווען הונגעריג און ער האט עס געדארפט צום עסן, נאר ער פלעגט פאנגן פאר א ספָּארט. זאגט טאקע רש"י אז איינער וואס נוצט נישט אויס די צייט פאר תכלית נאר ברענגט אן די צייט מיט שטותים און הבלים סתם נערישקייט' הייסט דאס יושב ובטל כאילו דו האסט גארנישט געטון.

איך שטיי און איך קוק אן דעם אידל, א האלבע טאג איז שוין אריבער און דו האלטסט נאך פאר אלף דו הערסט נישט דיינע אייגענע דיבורים וואס דו רעדסט יעצט?

דער ראש ישיבה האט לעצטנס גערעדט ביי א שיעור פון דאס וואס דער רבי' זאגט אז ווען א מענטש רעדט דיבורים צו א צווייטן אפילו יענער הערט נישט אויס און ס'גייט גארנישט אריין אין יענעם, אבער דו אליין הערסט דאך אויך וואס דו זאגסט און אין דיך גייט עס יא אריין, פארדעם זאל מען כסדר רעדן מיט מענטשן פון אמונה.

איך מיין אבער אז דא איז עס געווען א פארקערטע בחינה איך מיין אז דאסמאל האבן עס נאר מיינע אויערן דערהערט...

אז איך בין שוין אין שול האב איך שוין אויך אריינגעכאפט א מנחה נאכן דאווענען, דערנאך נעם איך מיין טלית בייטל און איך גיי צו מיין קאר.

דאס ערשטע בין איך געלאפן איינקויפן אביסל צו עסן פאר מיך און מיין ווייב, דערנאך בין איך אהיים געגאנגען נעמען אביסל ספרים און אנדערע זאכן וואס איך האב געדארפט און איך גיי צוריק אין שפיטאל.

יעצט פאר איך גיי ווייטער שרייבן פון מיין טאג לאמיך אייך קודם פארציילן ווי אזוי ס'קוקט אויס א שפיטאל אין ענגלאנד.

קודם כל איז נישט דא קיין באזונדערע צימערן, נאר ס'איז דא איין גרויסע צימער וואס פון דעם קומען ארויס אזוינע קארידארן.

אין יעדער אזא קארידאר איז דא אכט בעטן, יעדער בעט האט א פורהאנג ארום פאר פרייוועסי... די פרייוועסי' נעמט אריין די פונקטליכע מאס פונעם בעט מיטן בענקל דערנעבן, דאס איז עס, די בעט איז אין א ריזיגע שטוב אבער פארמאכט און מצומצם.

ס'איז דא דארט בערך זיבן אזעלכע קארידארן... איר קענט זיך אליין פראבירן פארזושטעלן די קולות וברקים פון די 56 פאציענטן, נאכדערצו ווען עס זענען קינדער...

די טעמפעראטור דארף דאך זיין קאנטראלירט ווייל ס'איז אן אפטיילונג פאר קינדער... אבער אן ערוואקסענער מענטש קען צולאזט ווערן פון די היץ וואס דארט איז דא. פארשטייט זיך קיין רעדער פון ברענגען א פען אדער עפענען א פענסטער איז נישט פארהאן...

ועל כולם איז דא די נורסעס... פאר עפעס א פארבארגענע סיבה איז דא א שטארקע קפידה דא אין ענגלאנד נאר אויפצונעמען אין די שפיטעלער נורסעס וואס קומען פון אנדערע פעלקער, אבער והעיקר זאלן זיי נישט קענען רעדן אדער פארשטיין חלילה אווארט ענגליש...

אויך פארשטייט זיך אז צו אינטעלעגענט טארן זיי אויך נישט זיין, ווי שטאטער די בעסער, די ווייניגער זיי ווייסן וואס טוט זיך מיט זיך. זיי פרובירן צו זוכן אויך לכתחילה אזעלכע וואס זענען ענדערש מער אין די דומם קאטעגאריע ווי א מְדַבֵּר...

מיט די סארט באשעפעניש באקליידערט אין בלוי דארפן זיך טאטעס און מאמעס זיך פארמעסטן...





יעצט שפאן איך דורך די לאנגע שפיטאל קארידארן מיט עטליכע זעק עסן (כנהוג) און מיט א פייל ספרים. איך שפאן צו די קינדער אפטיילונג. איך קלינג דעם בעלל צו קענען אריינגיין, אבער פארשטייט זיך אז קיינער יאגט זיך נישט ספעציעל צו עפענען די טיר... נאכןווארטן א צען מינוט האט זיך ענדליך - דער וואס זיצט ביים טישל און ווערט געצאלט א געהאלט צו דרוקן א קנעפל צו עפענען דעם טיר - אויף מיר מיט גרויס רחמים און חסדים זיך מרחם געווען און מיר אריינגעלאזט!

איך שפאן גראד צו מיין קינדס בעט און איך פראביר זיך דאס מערסטע צו באקוועם מאכן אין דעם מקום צר. גארנישט פיט נישט, גארנישט האט נישט קיין פלאץ, ס'איז יום טוב אינדערוואכן אלעס דרייט זיך איבער... ביז ענדליך איך האב געגעסן און זיך געסעטלט, און איך זעץ זיך אריין אינעם קליינעם בענקל וואס די שפיטאל האט אזוי שיין צוגעשטעלט...

איך ווער פארזונקען אין מיינע שיעורים, די גענצע וועלט איז געשטארבן, דעם קליינעם קלאסטערפאבישע פלאץ איז פלוצלינג געווארן ריזיג, ס'טוט זיך דא תנאים ואמוראים, איך דארף שוין גארנישט, א מחי'ה מ'קען לערנען אויף סדר דרך הלימוד פונעם רבי'ן אזוי מידערהייט, זיין אויף איינע פון די אומבאקוועמסטע מצבים וואס איך בין נאר אמאל געווען. נאר מיטן הייליגן רבינ'ס דרך הלימוד קען מען לערנען אין אזא מצב, א מחי'ה אויסגעפלאגט פון די וועלט, נאך א שורה נאך א פרק, שכח אייבערשטער!!!

אזוי בין איך געזעסן א שטיק צייט און געלערנט, דערנאך בין איך געלאפן דאווענען מעריב. נאך מעריב קום איך צוריק צום שפיטאל און ווידער שטיי איך ביים פארשלאסענעם טיר, איך שטיי שוין פופצן מינוט ביים טיר ואין קול ואין עונה, איך גיי שוין דרוקן דעם בעלל די פיפטע מאל ווען פונקט קומט איינע פון די נורסעס צו עפענען די טיר אויפן וועג ארויס, איך גיי אריין און דער געבט א שריי 'יאר וועלקעם' מיט די גרעסטע מאס עטיטאד פשוט מיך צו מאכן פילן אביסל מער היימיש...



אזוי ווי איך קום אריין ווער איך גראד אפגעהאלטן "אנטשולדיגט פון וואו קומט איר? וואו גייט איר? וואס איז דער גאנצע געקומעכטס און געגייעכטסט?" אנטשולדיגט פראביר איך זיך צו פארענטפערן איך קום נאר דא צו מיין קינד, איך האף אז איך שטער אייך נישט...

וואו מיינט איר איר זענט? אין א האטעל? נאך איינמאל איר גייט ארויס קענט איר שוין נישט צוריק קומען! איך האב נישט געוואוסט אויב איך זאל לאכן אדער וויינען...

איך זעץ זיך צוריק אריין אינעם קליינעם בענקל וואס וועט דינען פאר מיין בעט פאר די נאכט, און איך כאפ אריין נאך אביסל לערנען אויפן סדר דרך הלימוד.

ביז ס'שוין געווארן גוט שפעט איך האב שוין נישט געקענט האלטן מיינע אויגן אפן, איך האב געלייענט קריאת שמע און זיך געגרייט צו גיין שלאפן.

אזוי ווי איך וויל נאר פארמאכן מיינע אויגן הייבט די בעבי פון נעבן אונז אן צו וויינען אבער נישט סתם נאר קולי קולות, און ס'סטאפט נישט, עס גייט אזוי אן אויפהער, די בעבי בארואיגט זיך נישט! איך שפיר ווי מיין מח גייט פלאצן.

דערווייל פון קעגן איבער מיר צינד זיך אן א שטארקע בלויע לעקטער, דאס וואס מ'ניצט אוועק צו נעמען געלקייט פון קינדער.

איך זיץ דארט אינעם בענקל און איך הייב זיך אן מתבודד זיין - שמועסן מיטן אייבערשטן, זיך באדאנקען פאר אלע חסדים וואס דער אייבערשטער טוט מיט מיר.

בשעת איך בין זיך מתבודד האב איך מיטגעהאלטן פון מיין שכן אז זייער בעבי וויינט אן אויפהער, זייער בעיבי האט אויפגעהערט עסן און איז געווארן געפערלעך אויסגעמוגערט האבן זיי געמוזט קומען אין שפיטאל, און זיי ווייסן נאך אלץ נישט וואס די פראבלעם איז און די בעיבי עסט נישט, מילא וויינט ער די גאנצע צייט!

פון קעגן איבער זאגט מיר מיין ווייב אז זיי זענען שוין דא צוויי וואכן און די געלקייט פון זייערע בעבי גייט נישט אוועק!

איך הער נישט אויף דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן, די דאקטער זאגט אז מיר גייען שוין מארגן אהיים פון שפיטאל געזונט און פריש, וואס איז שוין אז פאר איין נאכט וועט זיין אביסל הייס און אומבאקוועם, שכח אייבערשטער פאר די מתנה פון האבן געזונטע קינדער און זיי מחנך זיין צו דינען דעם אייבערשטן!

אסאך מאל ווען מ'שפירט ווי מ'וויל האבן טענות, זאכן גייען נישט ווי אזוי מ'האט זיך פארגעשטעלט, געבט דער אייבערשטער א מתנה, ער עפענט אויף די אויגן, קוק אויף דאס גוטס וואס דו האסט, קוק וויפיל שווערער עס איז פאר אנדערע, וויפיל רחמנות דער אייבערשטער געבט מיט יעדע שוועריקייט.

שכח אייבערשטער פאר די מתנה פון האבן זיסע לעכטיגע קינדער, שכח אייבערשטער פאר די מתנה פון קענען זיין מקורב צום רבי'ן צו היכל הקודש, וואס לערנט אויס אז מען קען לערנען אין יעדן מצב וואו מען געפונט זיך נאר, שכח אייבערשטער פאר די מתנה פון קענען רעדן צו דיר אין יעדן מצב. אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!

צוליב די גרויסע נאכפראגע
טוען מיר פארשטעלן אונזער נייע

# שבת גליונות
# מעגא פעקעדזש

וואס וועט צושטעלן א ריכטיגע עונג שבת פאר די גאנצע משפחה,
קינדער און ערוואקסענע, מענער און פרויען צוגלייך
מיט לייען מאטריאל אנגעפולט מיט אמונה, מידות טובות, עצות און חיזוק

גאראנטירט בעז״ה
אנצוקומען אויף שבת קודש
געשיקט דורך UPS

דער פעקעדזש רעכענט אריין:

**עצתו אמונה**
**קרית ברסלב בלעטל**
**גליון היכל הקודש**
**גליון שיעורי חינוך**

מען קען זיך אויך איינשרייבן צו באקומען
נאר די בית נצחי אדער עצתו אמונה

רופט שוין זיך איינצושרייבן:
718-387-2691 *3
אימעיל צו:
subscribe@kerenhadfusa.org



# COVERAGE FOR ALL YOUR NEEDS.

## Protecting your family and your property is our top priority.

We are proud to offer diverse and affordable products to help you better protect your family and your property. Let us help you today!









## Protection that matters

- Travel Insurance
- Bop Programs
- Casualty
- Commercial Auto Liability & Garage
- Commercial
- Environmental Liability
- Excess/ Umbrella
- Marine & Inland Marine
- Personal Lines
- Professional Liability
- Property
- Workers' Compensation

## Salz & Associates LLC

212-725-9467
212-SALZ INS
esalz@salzandassociates.com
salzandassociates.com

# SALE
# 25%
# OFF
## ENTIRE STORE

Comfy headwear, for that modest chic look.

PRIMROSE

Fashionable Headwear

Call or text for an appointment.

**347.768.4012**

marketedge | 718.207.8863

# ווען קומט ער שוין אהיים ?!

י. מ. פורסט

עס איז שפעט אינמיטן די נאכט,
איך ווייס נישט וואס מיין מאן טראכט.

ער טוט זיך נאך אלס אין די ארבעט געפונען,
ווען וועט ער שוין אהיימקומען.

מיין מאן האלט אין איין זאגן ער קומט באלד,
בינדערוויל די נאכטמאל ווערט קאלט.

די קינדער האבן שוין איינגעדרימלט,
פון ווייניג שלאף בין איך צוטומלט.

איך וויל מיט אים מיטטיילן,
מיין טאג איבערציילן.

די קינדערביידע עלטערן דארפן,
אויף זיי זיך אינטערלאנען און ארויפווארפן.

דער באשעפער פון די וועלט,
האט די גאנצע קאסע פון געלט.

מ'דארף דאך השתדלות טון,
אבער ביז וויפיל אהין.

וואס איז דער גבול,
איז עס דען נישט צופיל?

באשעפער העלף איך זאל קענען רעדן ווייער,
אויף אלעס וואס איז שייך.

איך זאל האבן חן אין זיינע אויגן,
פון אונטן ביז אויבן.

מיט גוטס פועל'ן מען אלעמאל,
אן א גבול און אן א צאל.

בעט איך דיר הייליגער באשעפער אן א שיעור,
מיר זאלן ווערן נענטער צו דיר.



# קריעת ים סוף

- געשריבן דורך מ. ל. -



מילכה וואס איז געשען? פארוואס איז יעדער אזוי דערשראקן? פרעגט יסכה׳לע מיט איר קינדערישע שטימע. איך קוק איר אן מיט א רחמנות׳דיגע בליק געמישט מיט מיניאטארישע פינטעלעך קנאה.

הלוואי וואלט איך אויך נישט פארשטאנען וואס דא טוט זיך...

פון די צווייטע זייט האב איך רחמנות אויף איר, זי ווייסט נעבעך נישט וואספארא אומגליק עס דערנענטערט זיך. ארום מיר הער איך נאר קולות ווי מענטשן שרייען און וויינען, עס טוט זיך א בהלה.

וואס גייט דא זיין? מיר זענען דא איינגעשפארט פון אלע זייטן, פון ביידע זייטן איז דא א מדבר מיט פארצוקנדע חיות, מיר שטייען פאר א וואסער, און אונטער אונז...

איך ציטער צו טראכטן!

א גאנצע ריזיגע ארמיי פון טויזנטער אראבער! זיי ווילן אונז אלע פארכאפן!

וואס טוט מען דא? נאך די גאנצע לאנגע שווערע וועג וועלן מיר דארפן צוריקגיין קיין מצרים? צוריק צו די ביטערע שווערע פיין און נסיונות?

און אזוי אינמיטן די טומל הערן מיר פלוצלונג די קול פון אונזער באליבטער מנהיג, משה רבינו, יעדער ווערט שטיל, און נאר זיין הייליגע שטימע הערט זיך:

"טייערע אידן! מיר האבן דא נישט קיין שום וועג, קיינער קען אונז נישט העלפן אין די יעצטיגע מצב, מיר האבן דא נאר איין וועג, און נאר דאס קען אונז העלפן! אונזער גרויסער טאטע, דער הייליגער באשעפער, פאר אים איז גארנישט שווער, מיר זענען אלע עדות אויף די גרויסע ניסים וואס דער אייבערשטער האט געטון מיט אונז ביז אהער, און טאקע אזוי ווי ער האט אונז געהאלפן די גאנצע צייט וועט ער אונז אויך יעצט העלפן! די איינציגסטע עצה איז נאר שרייען צום אייבערשטן, ער זאל רחמנות האבן אויף אונז און אונז ראטעווען.

די הארציגע ווערטער פון אונזער גרויסער מנהיג האט יעדן אויפגעשאקלט, און ביז געציילטע סעקונדעס האט זיך ווידער געהערט קולות, אבער פון א אנדערע סארט, מער נישט פון פארלוירנקייט און יאוש, נאר יעדער שרייט צום אייבערשטן, מיר אלע גלייבן מיט א שטארקע אמונה אז נאר דער אייבערשטער קען אונז העלפן!

אזוי אינמיטן מיטהאלטן די דערהויבענע מינוטן שארט זיך צו צו מיר א נאנטע חבר׳טע מיט א דערשראקענע געזיכט. זי פרעגט מיר: מילכה, וואס גייט דא זיין? דו מיינסט טאקע אז מיר גייען האבן פון דא א וועג ארויס? איך ציטער נאר צו טראכטן וואס גייט מיט אונז פאסירן אין די נעקסטע מינוטן!

איך ענטפער איר רואיגערהייט: האסט געהערט וואס משה רבינו האט גערעדט אפאר מינוט צוריק? דער אייבערשטער גייט אונז נישט פארלאזן! מיר דארפן גלייבן א צדיק מיט תמימות, אן קיין קושיות. מיר וועלן פאלגן א צדיק, מיר וועלן פאלגן די עצות וואס ער געבט אונז, בעטן דעם אייבערשטן און רעדן צו אים, און טאקע נאר דאס וועט אונז העלפן. מיר זעען עס טאקע נישט יעצט, אבער מיר דארפן גלייבן אז וואס א צדיק זאגט איז אמת.

אזוי אינמיטן שמועסן און זיך מחזק זיין אינאיינעם, הערן אונז פלוצלונג פרישע קולות. איך פראביר זיך צוהערן וואס מענטשן רעדן דארט, און וואס עס געלונגט מיר צו הערן איז דאנק און לויב ווערטער צום

אייבערשטן, איך זע מענטשן וויינען פאר שמחה.

מיין הארץ פארפעלט א קלאפ, וואס איז דא געשען?

איך זוך אויף מיין מאמע, און איך טרעף איר שטיין און קוקן אויף די ריכטונג פון ים, ווען איר מויל הערט נישט אויף צו זאגן "שכח אייבערשטער". איך פרעג איר: מאמי, וואס איז געשען? וואו זענען די מצריים?

מיין מאמע ענטפערט מיר נאר: קוק דארט ווייט, קוק דעם ים!

איך פראביר זיך אויפצוהייבן די מערסטע וואס איך קען, און די בילד וואס איך זע... עס איז אומגלויבליך! אטעם פארכאפנד!

די גאנצע ים סוף איז... געשפאלטן! איך רייב זיך מיינע אויגן, צו זע איך ריכטיג?! איך געב זיך א כאפ אויף, איך גיי שנעל אויפזוכן מיין חבר'טע, איך טרעף איר שטיין דארט ביים זעלבן פלאץ פון פריער, פארפרוירן. זי קען נישט זאט ווערן פון וואס זי זעט, אזוי גיי איך צו צו איר מיט א שמייכל: נו... וואס זאגסטו יעצט? עס האט זיך געלוינט צו ווארטן אביסל? עס האט זיך געלוינט צו גלייבן א צדיק, און גיין צום אייבערשטן???

■ ■ ■

דער ראש ישיבה זאגט אלץ נאך פון מוהרא"ש: עס איז נישטא קיין גרעסערע צער פון די צער פון א בחור און מיידל, עס איז די גרעסטע צער וואס קען נאר זיין. קיינער קען עס נישט פארשטיין, ווי מען שפירט זיך אזוי צובראכן, אזוי צוקלאפט, דאס איז נישט א זאך וואס מען קען מסביר זיין פאר א מענטש.

און דאס גייט נאך מער, אפילו א מיידל וואס ווארט פאר איר שידוך וועט נישט קענען פארשטיין א צווייטע מיידל וואס ווארט אויף פאר איר שידוך, יעדער מענטש איז א וועלט פאר זיך. א מיידל פאר זי טרעפט איר שידוך איז זי אין א טונקלקייט, מען איז אליין, מען איז צובראכן, און מען זעט נישט קיין וועג ארויס.

עס קען זיין אסאך פארשידענע מצבים וואס קען אויסזען אז "פון דא איז נישטא קיין וועג ארויס", און עס איז טאקע נישטא קיין וועג ארויס.

מען קען שפירן ווי מען איז פארמאכט אין א תפיסה פון אלע זייטן, פון איין זייט שטייט דא א גוטסקייט וואס האלט אין איין זאגן "וואס יאגט דיך". פון די צווייטע זייט א אנדערע ווארילקייט וואס איז אלץ מחזק אז "דו גייסט קיינמאל נישט חתונה האבן". און די משפחה איז בכלל נישט גרייט צו הערן שידוכים פאר נאך א גוטע פאר יאר.

וועל איך נאך האבן פון דא א וועג ארויס???

טאקע אזוי האבן די אידן געשפירט ביי קריעת ים סוף, קענסט זעך פארשטעלן א גאנצע פאלק, מען איז געפאנגען פון אלע זייטן, עס איז נישטא קיין וועג ארויס? זיי וואלטן געקענט חלומ'ען אזא מציאות אין זייער שענסטע חלום? די וואסער זאל זיך שפאלטן? און וואס האט זיי צוגעברענגט די נס?

זיי האבן געוואוסט אז זיי האבן נישט קיינעם, עס איז נישטא קיין וועג ארויס, זיי האבן דא נאר דעם אייבערשטן, און זיי האבן טאקע געוויינט און געשריגן צום אייבערשטן ער זאל זיי העלפן.

עס שטייט: "קשה זיווגו של אדם כקריעת ים סוף", א שידוך פון א מענטש איז אזוי שווער ווי קריעת ים סוף. פארן אייבערשטן איז גארנישט שווער, נישט מאכן א שידוך און נישט די שפאלטן דעם ים, פאר וועמען איז אבער יא שווער? פאר דער מענטש אליין, איך קען זיך נישט פארשטעלן ווי אין די וועלט גייט מיין שידוך קענען פאסירן, מען שפירט זיך אזוי פארלוירן, אזוי ווי די אידן פאר קריעת ים סוף.

פאר דעם וועל איך פאלגן א צדיק, איך וועל גיין צום אייבערשטן און אים בעטן ער זאל מיר העלפן. איך וועל נישט אויפגעבן, נאר אזוי וועל איך האבן א וועג ארויס, דער אייבערשטער וועט מיר העלפן, טאקע פון א אומגעראכטענע וועג, אזוי ווי ביי קריעת ים סוף.



בית פיגא ווערק

# מיין שבת התוועדות

געשריבן דורך מ. צ.

בס"ד

בלימי איז א געהעריגע מיידל, נישט צו פרום און נישט צו אויפגעריסן, זי ווייסט פונקטליך ווי אזוי זיך אהערצושטעלן, זי ווייסט ווי איין און ווי אויס, יעדער וואס שטייט נעבן איר ווערט אזוי נתפעל פון איר, זי איז געהעריג ערוואקסן, זי ווייסט ווען צו זאגן "וואו, ס'איז אזוי קיוט", און ווען צו קרומען מיט די נאז אז יעדער זאל פארשטיין אז עס האט נישט קיין טעם און קיין ראם, און קיינער וועט זיך נישט וואגן צו זאגן עפעס אנדערש פון איר.

צווישן די קאזינעס איז זי די אנפירערן, זי איז די גאנצע מאכער און זי האט די אלע מעכטיגע געדאנקען פאר אלע אקטיוויטעטן וואס קומט פאר.

איינע פון די וואכן איז געווען געפלאנט א "שבתון" פאר אלע קאזינע'ס, און פארשטייט זיך אז בלימי איז געווען די זאך, זי האט אלעס אנגעפירט און ארגאניזירט אז אלעס זאל קלאפן אויפן בעסטן אופן.

אזוי ווי מען האט נישט געקענט טרעפן א מאמע וואס זאל באגלייטן ביי די שבת האט בלימי געמוזט נעמען אויף זיך די שווערע ארבעט, זי האט ארומגעקלינגען אלע מומע'ס צו טרעפן איינע וואס זאל זיך קענען ארויסשלעפן אויף א שבת פון שטוב. און פארשטייט זיך אז עס וועט זיין א ר - י - ז - י - ג - ע מצווה.

אבער אזוי ווי יעדע מומע האט זיך איר שטוב און אירע סיבות פארוואס זי קען נישט קומען, איז בלימי געווען זייער פארלוירן, וואס גייט מען טון? די אלע גרויסהארטיגע פלענער גייען אויף איין מאל צופאלן?

פלוצלונג איז איר אבער איינגעפאלן א מורא'דיגע געדאנק, איר מאמע! זי וועט קומען, זי ווייסט דאך וויפיל זי האט זיך געפלאגט צו טרעפן איינעם, זי וועט מוזן רחמנות האבן אויף איר און זיין די צדיקת וואס גייט דארפן מיטקומען.

אזוי פאר בערך א וואך צייט האט בלימי פראבירט מיט אלע וועגן צו ערקלערן פאר איר מאמע די וויכטיגקייט און די חשיבות פון דעם.

ביז איר מאמע האט שוין נישט געהאט קיין צוויי ברירות, זי האט שוין טאקע איינגעזען די וויכטיגקייט פון דעם און... זי גייט קומען!

בלימי שפרינגט אויף פאר שמחה, זי רופט אריין אלע קאזינע'ס מיט די גוטע נייעס, עס גייט זיין א שבת! אזא נס! מען קען זיך שוין פאקן די רענצלעך

אזוי ציילט זי די טעג, זי קען שוין קוים ווארטן אויף די שבת!

די פאר טעג זענען אריבער און... מען לאזט זיך ארויס אויפן וועג. בלימי זיצט אינאיינעם מיט נאך אפאר קאזינע'ס וואס וואוינען אין די זעלבע שטאט, זיי שמועסן מיט איבערראשונג. מען רעדט ארום די פלענער, וועלכע אקטיוויטעטן מען גייט טון, וואס מען גייט עסן, און אלעס ארום.

צווישן זיי זיצט אויך ליבי, איינע פון די קאזינע'ס, זי פארברענגט געשמאק מיט אירע חבר'טעס. אינמיטן שמועסן געבט איר בלימי א פרעג הויך - ווי זי באמערקט יעצט ליבי צום ערשטן מאל - וואס טוט זיך? ווי אזוי האסטו זיך צוגעגרייט צו דעם שבת?

ליבי ענטפערט איר מיט א שמייכל: "זייער געשמאק, שכח אייבערשטער! איך האב טאקע א שיינע מעשה צו פארציילן, איך האב געזוכט מיין שבת'דיגע שיך, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס טרעפן, און שכח אייבערשטער גלייך נאכדעם האב איך עס געטראפן".

בלימי קוקט איר אן מיט גרויסע ברייטע אפענע אויגן, זי פרעגט איר: "וואס איז געשען מיט דיר?! האסט באקומען א אינטערעסאנטע נייע שפראך זע איך"...

ליבי האט געשמייכלט און נישט געענטפערט.

אפאר שעה שפעטער, ווען יעדער האט שוין אויסגעפאקט זייערע פעקלעך האט מען זיך אוועקגעזעצט פאר א טועמי'ה.

בלימי'ס מאמע איז זיך געגאנגען אראפלייגן נאך די לאנגע וועג.

אזוי נאכן ענדיגן עסן, ווען מען איז געזעצן און פארברענגט צוזאמען איז בלימי'ס מאמע אריינגעקומען נאכן זיך אפרוען, זי האט געוואלט זיך אראפזעצן מיט די קאזינע'ס אביסל מיטצוהאלטן.

בלימי הייבט אבער אן צו פילן אומבאקוועם, זי ווינקט מיט אירע אויגן צו אפאר מיידלעך, ווי זי האט נישט קיין נערוון... יעדער שמועסט ווייטער אבער בלימי'ס מוט איז נישט גוט, זי שעמט זיך מיט איר מאמע.

אינמיטן פרעגט בלימי'ס מאמע: "בלימי, וואס איז געשען?" און בלימי ענטפערט איר בייזערהייט:"איך מעג נישט נארמאל שמועסן מיט מיינע חבר'טעס? מיר שמועסן זאכן וואס פאסט פאר אונזער יארגאנג, וואס, מען קען אונז נישט לאזן אביסל אליין, פריוואט?"

די מיידלעך שמייכלען זיך אונטער, בלימי קוקט זיך ארום, כאטשיג אטענטשן האט זי באקומען...

אײן מײדל שמײכלט נישט, ליבי. זי קען נישט צוזען אזא אויפפירונג פון א טאכטער צו א מאמע, און אזוי פראבירט זי שטילערהייט ארויסגיין פון דארט, מיט א תירוץ אז זי גייט טרינקען.

זי גייט ארויס אין הויף צו די גראז, זי הייבט אן צו וויינען, "הייליגער באשעפער, איך וואלט זיך געקענט אויפפירן אויף די זעלבע וועג ווי איר! שכח אייבערשטער אז דו האסט מיר געברענגט צום רבי'ן, איך ווייס פון די זיסע עצות, איך ווייס וואס א מאמע איז, וויפל דארף איך דיר דאנקען און לויבן".

אזוי אפאר שעה שפעטער, שבת ביינאכט נאך די סעודה, יעדער זיצט אין צימער און מען שמועסט פארן גיין שלאפן.

ליבי קומט אריין אינמיטן, און פלוצלונג ווערט יעדער שטיל, זי קוקט ארום מיט וואונדער, זי זעט ווי מיידלעך מורמלען זיך עפעס צווישן זיך. וואס איז דא געשען? זי גייט אריין און זעצט זיך אוועק אויף איר בעט, און אינמיטן איינע פון די מיידלעך איז גרייט צו זיין דער נחשון, און זי פרעגט איר: "זאג מיר, עס איז אמת אז דו ביזט פארכאפט געווארן אין יענע פלאץ? איך מיין אז עס הייסט היכל הקודש?

ליבי קוקט איר אן מיט פארוואונדערטע אויגן, און פרעגט איר ווי זי פארשטייט נישט: "וואס עפעס ביסטו מיר חושד אין אזא זאך?"

א אנדער קאזין ענטפערט גלייך: "וואס הייסט, וואס זענען די אלע נייע ווערטער, ווי אזוי קומט צו דיר די אלע שיינע 'אייבערשטער'דיגע' ווערטער?"

און בלימי, די דעה זאגער הייבט שוין אן גלייך צו דרש'ענען: "טאקע, ס'איז נישט קיין נארמאלע זאך, א מיידל איז זיך אליין מחליט צו גיין אויף א אנדערע וועג... זי גיט זיך אוועק פון די מסורה... נייע זאכן!"

ליבי, ביזדערוויל שאקלט מיט אירע ליפן שטילערהייט. "הייליגער באשעפער, העלף אז די בזיונות זאל זיין פאר כפרות עוונות". זי איז אבער רואיג, זי האט דעם אייבערשטן.

שפעט ביינאכט, ווען יעדער שלאפט שוין ליגט ליבי אין איר בעט, איבערגעדעקט מיט די דאכענע, זי פראבירט אדורכצוגיין מיטן אייבערשטן די גאנצע טאג.

איין מינוט! ווער איז געווען די מיידל וואס האט גערעדט מיט אזא פייער אויף די "נישט נארמאלע מצב היינטיגע צייטן..." די זעלבע מיידל וואס האט נעבעך גערעדט אזוי נישט שיין צו איר מאמע אנטקעגן אלעמען.

ווער גייט אוועק פון די מסורה? א מיידל וואס הערט שיעורים פון אמונה, פונעם אייבערשטן? וואס פאסירט מיט אזא מיידל, פונקט פארקערט פון די מיידל וואס האט פריער דא גערעדט.

ווער פון אונז גייט אוועק פון די מסורה? איך וואס איך רעד צום אייבערשטן, איך בין מכבד מיינע עלטערן, איך נעם אן וואס זיי זאגן מיר, אדער די אנדערע מיידל וואס רעדט נעבעך צו איר מאמע נישט שיין, און זי קען נישט ארויסזאגן די ווארט "אייבערשטער" פון מויל? מען מוז באקומען חיזוק פון ערגעץ, און אז א מיידל געפינט זיך אין א סביבה וואס זי באקומט נישט קיין שכל אין לעבן, איז געענדיגט מיט איר? אבי זי זאל זיין "נארמאל"?

מען קען אמאל ווערן צובראכן, מען הייבט אן צו באקומען חיזוק אין לעבן, די לעבן טוישט זיך אזוי שיין, אבער יעדער מאכט חוזק און שפעט אפ

פאר דעם זאל מען זיין קלאר ביי זיך און מאכן א חשבון, "וואס באקום איך דא? איך רעד צום אייבערשטן? איך בין מכבד מיינע עלטערן? איך האב א געפיל צו איידלקייט?

אזוי שמועסט מען עס אויס מיטן אייבערשטן, מען דערציילט אלעס וואס מען האט אלץ גערעדט און געזאגט, און פון די צווייטע זייט רעכנט מען אויס די זאכן וואס מען באקומט, דעמאלט העלפט דער אייבערשטער אז די מח ווערט קלאר, מען ווערט רואיג און פרייליך.



## ברסלב'ס חידות

**דער הייליגער רבי האט אמאל געזאגט:**
**איך האב אזוי שטארק געוואלט האבן א זון וואס וועט**

א. צוריק ברענגען אידן צום אייבערשטן
ב. זיך ווייקן אין חסידות
ג. מאכן שווערע געלטער
ד. גיין אין שול מיט טלית און תפילין

*שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך*

דער הייליגער רבי האט אמאל געזאגט:
**"אדער א נסיון, אדער א בזיון!"**

*געוואונער פון פאריגע וואך*

**לאה איידליס תחי' - וויליאמסבורג**
שיקט אריין די ענטפערס מיט אייער נאמען צו 845-379-1161

## קרית ברסלב בלעטל

# קינדער אפטיילונג

## טרעף די ווערטער

| | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ר | ש | ט | ח | ע | ה | פ | ס | ג | מ | ל | א | י | נ | מ |
| א | צ | ה | נ | ג | ע | ו | ו | ע | נ | ה | ע | נ | ט | ש |
| ס | ו | ע | ש | ב | ד | ז | א | ל | ת | ג | ע | ב | ס | נ |
| ד | ו | נ | ס | ש | ו | ו | ו | ע | נ | ק | ה | ה | נ | י |
| ו | ד | ת | ו | ר | ה | כ | מ | ר | א | ל | ע | מ | ר | ו |
| ת | ד | ש | ו | ס | פ | ה | ח | נ | א | ע | ס | ד | ק | ת |
| ו | צ | ב | ו | פ | ל | ג | מ | ט | צ | י | ס | ע | ר | ל |
| ק | ו | ו | א | א | ב | י | מ | ב | י | נ | ז | מ | ל | ע |
| פ | מ | ז | ו | כ | ה | ס | ו | מ | ש | ג | א | ס | ע | ר |
| פ | א | ד | י | פ | ט | י | ע | ש | י | ז | א | ג | ר | נ |
| ס | ל | י | ל | ו | ז | י | י | נ | ל | ו | י | ט | נ | ס |
| ו | ר | י | כ | ס | ח | ל | ק | י | ו | כ | ו | ס | ט | ט |
| פ | ז | נ | א | ע | נ | פ | ע | ו | ט | ו | ו | א | א | א |
| מ | ש | נ | ה | ש | ר | ג | ט | ת | א | נ | א | ה | מ | נ |
| ה | ע | י | ט | ר | י | ש | ו | ס | ט | ב | ו | ו | ע | ר |
| ז | פ | נ | ע | ל | ר | ו | ט | ל | ל | נ | י | ו | נ | א |
| מ | ע | י | י | י | א | ט | א | ע | י | ע | ל | ר | ע | ל |
| מ | י | י | ד | ל | ש | ו | י | י | צ | ו | ע | ק | א | ז |
| ז | ה | כ | ט | ד | ו | ע | ז | ו | ד | ה | ה | כ | י | מ |
| צ | ר | נ | ג | ע | ו | ו | א | ו | ס | ט | ט | ר | ר | ה |

**וואויל איז דיר און וואויל איז דיין חלק אז דו לערנסט פלייסיג די הייליגע תורה.**

**איך פריי מיך זייער צו הערן אז דו האסט זוכה געווען צו מסיים זיין די ערשטע מאל אין דיין לעבן גאנץ "ששה סדרי משנה"; ווען מענטשן וואלטן געוואוסט וואס משניות איז און צו וואס מען קען זוכה זיין ווען מען לערנט משניות - וואלטן אלע געלערנט משניות.**

(עצתו אמונה בהר בחקותי תשס"ח)

## טרעף די וועג

טרעף די וועג צום בארג סיני!





## שטיקעלע ספר המדות

# אַהֲבָה

**ט. כְּשֶׁתְּהֵא נִזְהָר מִשִּׂנְאַת חִנָּם, אֱזַי כְּשֶׁיִּהְיֶה לְךָ אֵיזֶהוּ מִשְׁפָּט עִם אָדָם שֶׁאֵינוֹ רוֹצֶה לְפַשֵּׁר עִמְּךָ, עַל יְדֵי זֶה יִתְפַּשֵּׁר עִמְּךָ.**

אוֹיבּ וֶועסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט אוּמְזִיסְט פַּיינְט צוּ הָאבְּן אַ צְוֵוייטְן, דֶעמָאלְט וֶוען דוּ וֶועסְט הָאבְּן צוּטוּן מִיט אַ שְׁוֶוערֶער מֶענְטְשׁ, וָואס וִויל זִיךְ נִישְׁט דוּרְכְקוּמֶען מִיט דִיר, וֶועט עֶר יָא מַסְכִּים זַיין צוּ מַאכְן אַ פְּשָׁרָה.

דער רבי האט געזאגט אויפן ספר המדות:
"דער ספר האט מיך געמאכט פאר א איד!"

## שיחות פון רבין
## פארהער

וועלכע שיחה פון דער ראש ישיבה דערמאנט דיך די בילד?







### ענטפער פון פאריגע וואך

דער רבי שרייבט אין ספר המידות: "דורך פאטשן און טאנצן ברענגט מען אויף זיך אויר ארץ ישראל".

# קינדער טאלאנט



מושלם פייש אין יעקב מאיר
פעלבערבוים - קרית טאהש



בית פיגא טבריה



אליעזר שלמה
שטיינבערג-טו בשבט



אליעזר רוט סיום
מסכת כתובות



משפחת יאקאבאוויטש
קרית ברסלב



כיתה א' קרית ברסלב



שרי אינדיג - קרית ברסלב



טילי שעכטער - לאנדאן



יחזקאל שרגא דעפריס

# מעשה פון תפלה
# פאר קינדער

משולם אייזנער נ"י - קרית טאהש




צפורה בירנבוים תחי' - קרית ברסלב



# בילדער ארכיון

## בילדער ביי הכנסת ספר תורה פון די פארגאנגענע יארן





מוצאי שבועות אין שטעטל





אין היכל הקודש פרימישלאן



אין היכל הקודש טברי'



אין היכל הקודש וויליאמסבורג - בעדפארד שול

# בילדער

## אפטיילונג












שבע ברכות פון החתן נפתלי הערש ב״ר יואל פארקאש הי״ו
עב״ג בת ר׳ אהרן וועבערמאן הי״ו - א׳ בשלח תשפ״ד







הפצה קארטלעך אין די פארשנייטע קרית יואל׳ע גאסן



קרעדיט: יוסי פרערויא



קרעדיט: יוסי פרערויא

דער ראש ישיבה שליט"א ביים תנאים פון זיין שוועסטער
אין ביהמ"ד קארלסבורג - א' בשלח תשפ"ד



קרעדיט: יוסי פרערויא

דער ראש ישיבה שליט"א אין א שמועס מיטן רמינוב'ער
רב שליט"א - א' בשלח תשפ"ד



קרעדיט: שמואל אייכנשטיין

הפצה ווינקל אין ישיבה תפארת התורה וויליאמסבורג



קרעדיט: יענקי פיש



קרעדיט: איזיק ראטה

דער ראש ישיבה שליט"א באטייליגט זיך ביים חתונה פון
בן מו"ה יואל ראזענבערג הי"ו - ב' בשלח תשפ"ד



קרעדיט: יצחק הערש הופמן



קרעדיט: יצחק הערש הופמן

אנשי שלומנו פרייען זיך מיט מיטן חתונה פון בן מו"ה
יואל ראזענבערג הי"ו - ב' בשלח תשפ"ד






ברית פאר הילד משה יעקב ב״ר ליפא לעווי הי״ו אין ישיבה - ד׳ בשלח תשפ״ד



סעודת הברית פאר הילד משה יעקב ב״ר ליפא לעווי הי״ו אין ישיבה - ד׳ בשלח תשפ״ד




געמאכט די וואסער פראפינג ביים מקוה אין בית המדרש לקוטי מוהר״ן




דער ראש ישיבה שליט״א אין א שמועס מיט די אינגעלייט נאכן נאכט שיעור







דער ראש ישיבה שליט״א באטראכט די גליונות ביי די הפצה טיש נאכן דאנערשטאג נאכט שיעור - ה׳ בשלח



בחורי ישיבה קטנה ירושלים, גרויסע כיתות פון ירושלים און טבריה אין יבנאל





די קינדער פון תלמוד תורה היכל הקודש בני ברק באזוכן ביי מו״ה יצחק מרדכי זילבערשטיין הי״ו לרפואה שלימה. ער האט געשריבן מיט זיינע אויגן ״אויב וועלן ענק פאלגן דעם ראש ישיבה וועלן ענק וואקסן גרויסע צדיקים״

קרעדיט: יוסי פרעריא























קרעדיט: יוסי פרעריא



אבות ובנים ביום שבת התוועדות - אנשי חיל
מוצש"ק בשלח תשפ"ד





הבדלה ביים שבת התוועדות - אנשי חיל
מוצש״ק בשלח תשפ״ד



















הכנסת ספר תורה לעילוי נשמת מוהרא״ש זי״ע
מוצש״ק בשלח תשפ״ד


קרעדיט הערשי זאבעל


קרעדיט: שמעון פארטוגאל


קרעדיט: שמעון פארטוגאל


קרעדיט: שמעון פארטוגאל


קרעדיט: משה איינהרן

הבה״ח לוי יצחק הורוביץ איז מסיים ש״ס ביים שבת התוועדות


קרעדיט: משה איינהרן

הבה״ח יהודה דוד בן מו״ה יואל לעווי איז מסיים ש״ס ביים שבת התוועדות




קרעדיט: אליעזר דייטש


קרעדיט: משה איינהרן




קרעדיט: יוסי פרערויא

